בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

פ' מסעי
תשע"א











## ✪ מיר טאנצן און טאנצן

וואס קען זיין בעסער פאר א קינד ווי שפרינגן אויף די גראדע ווענט? גרויסע ריזיגע דשאמפערס האט מען די וואך אויפגעשטעלט אין לאנטש־רום אונטער פיינע ערקאנדישן, ווי די קינדער האבן זיך געקענט אביסל אויסגעבן און די אזוי אויך הייסע טעג ווען די קינדער זענען אביסל צולאזט (זאל נישט אויסגערעדט זיין). אזאלכע ריזיגע דשאמפערס זענען זיי געווען, אז זיי האבן קוים אריין געפַאסט אין די לאנטש רום, מ'האט געדארפט עפענען די דאך. מיין רבי האט אונז געזאגט אז מ'מוז זיך אויפפירן מיט דרך ארץ נאר אזוי קען מען גיין. דערנאך האבן מיר אויסגעטוהן די שיך'עלעך..., און מיר זענען אריין געקראכן אין די דשאמפער"ס, מיר זענען געלאפן פון איין דשאמפע"ר צום צווייטען, און געטאנצן און מיר טאנצן נאך יעצט.... די שמייכל אויף אונזער פנים איז נישט אראפ צו מאלן. די קינדער בעטן זייער שטארק אז זיי ווילן קענען גיין נאכאמאל אויף די דשמאפערס. אי"ה ביי א קומענדיגע גילעגנהייט...

פאר די קינדער וואס האבן מורא איז אויך געווען קלענערע דשאמפער"ס זיי זאלן זיך צוגעוואוינען צו טאנצן אויף די קליינע און נישט מורא האבן.

איינער פון די חשובע מלמדים האבן זיך אויסגעדריקט אז אזוי ווי מיר האפן אז די טעג זאלן במהרה נתהפך ווערן צו יו"ט'דיגע טעג האט מען געברענגט ריידי'ס לכ' חוה"מ.... אמן כן יהי רצון.

## ✪ די מעשה פון די צוויי ברודער

(פאר די פרי כתה א' - קינדערגארטן) אין די דריי וואכן ווען מיר טרויערן אויפן חורבן הבית וואס איז געקומען צוליב די עבירה פון שנאת חנם, איז די פאסיגסטע צייט צו לערנען מיט די קינדער א מורא'דיגע מעשה וואס לערנט אונז איבער די גרויסקייט פון זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן. און מיין רבי האט מיר די וואך דערציילט די מורא'דיגע מעשה.

איינמאל זענען געווען צוויי ברודערס וואס האבן געוואוינט אין ירושלים. איין ברודער האט געהאט דריי קינדערלעך אבער ער איז געווען זייער ארעם ער האט נישט געהאט קיין געלט. די צווייטע ברודער האט נישט געהאט קיין קינדער, אבער איז געווען זייער רייך.

די צוויי ברודער האבן באקומען פון זייער אלטע טאטע א פעלד וואס זיי ביידע האבן געאקערט און געפלאנצט, ביז אין די פעלד איז געוואקסן פיינע גערשטן.

ביידע ברודער האבן אהיים געטראגן בונטעלעך פון די פיינע גערשטן וואס זענען געוואקסן אין זייער פעלד.

איינמאל אינמיטן די נאכט איז אויפגעשטאנען איין ברודער אין געטראכט צו זיך.

**"מיין ברודער וואוינט נעבעך אליינס, ער האט נישט קיין קינדער. איך האב זייער רחמנות אויף אים. לאמיך אויפשטיין פון מיין בעט און אים טראגן א מתנה אביסל גערשטן פון אונזער פעלד".**

איז ער אויפגעשטאנען און גענומען אביסל גערשטן און געגאנגען צו זיין ברודער'ס הויז און עס דארטן אראפ געלייגט. שפעטער ביינאכט איז אויפגעשטאנען די אנדערע ברודער און געטראכט אויך צו זיך.

**"מיין ברודער האט דאך דריי קינדערלעך, און ער איז אזוי ארעם. איך האב זייער רחמנות אויף אים. לאמיך אויפשטיין פון מיין בעט און אים טראגן אביסל גערשטן פון אונזער פעלד".**

האט ער גענומען א בינטל און איז געגאנגען צו זיין ברודער'ס הויז און דאס דארט

אוועק געלייגט.

צופרי האבן ביידע ברודער געטראפן די בינטעלעך ביי זייער טיר האבן זיי זיך זייער געוואונדערט.

די צווייטע נאכט איז געווען די זעלבע זאך. ביידע האבן ברודער האבן זיך געטראגן א בינטעלע איינער פארן אנדערן. און צופרי האבן זיי דאס נאכאמאל געטראפן און זיך שטארק געוואונדערט דערויף. ווער ברענגט צוריק די בינטעלע? האבן זיי געטראכט.

די דריטע נאכט זענען ביידע אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט צו טראגן די גערשטן צו זייער ברודער'ס הויז.

**אינמיטן וועג האבן זיי זיך באגעגנט און געטראפן איינער דעם צווייטן. זיי האבן זייער שטארק געוויינט צוזאמען.**

האט דער הייליגער באשעפער געזאגט.

**אויף אזא הייליגע פלאץ ווי צוויי ברודער האבן זיך צוזאמגעטראפן צו העלפן איינער פאר די אנדערע, וויל איך אויפבויען מיין הייליגע בית המקדש.**

## ✪ היימישע גרינצייגן

די מעשה פון די צוויי ברודער מיט די פעלד, איז אונז זייער קענטליך, ווייל מיר ווייסן שוין גוט וואס דאס מיינט א פעלד... אין אונזער גארטן וואקסן אויך פיינע געשמאקע גרינצייגן. נאכן זיך פלאגן מיטן פלאנצן און וואסערן די לעצטע פאר וואכן, ענדליך זעהן מיר שוין די פרוכטן. עס וואקסט ב"ה זייער אסאך טאמעיטאס און אוגערקעס (פיקעלעך-קיוקאמבער) אויך פיינע פאפריקע און נאך אנדערע זאכן. אסאך קינדערלעך האבן שוין אהיים געטראגן לכ' שבת, און צוביסלעך האפט מען אויסצייטיילן פאר אלע קינדערעלך, זיי זאלן קענען אהיים טראגן פון די געשמאקע גריצייגן וואס וואקסן ביי אונז אין גארטן...

נוצר תאנה יאכל פרי'.

## ✪ די לעצטע איי'עלע האט שוין געקראכט



די וואך האט געקראכט די לעצטע אייעלע און עס איז ארויס געקומען א זיסע קליינע שווארצע טשיקעלע. די מאשין ווערט שוין אוועק געלייגט אויפן קומענדיגע יאר אי"ה. יעצט דארף מען ווארטן אלע טשיקעלעך זאלן גרויס ווערן זיי זאלן קענען זיין צוזמאען מיט זייערע חברים.....

## ✪ דערמאנונג פאר די *העד-סטארט* קינדער

**מיר ווילן אייך לאזן וויסן אז פאר די קומענדיגע פיר וואכן, אנגעהויבן מאנטאג פ' דברים (למספרם Aug. 1) וועלן די קינדער פון העד סטארט -ש' קינדערגארטן אהיים גיין יעדן טאג 2:20**

**און פון דאנערשטאג פ' שופטים (למספרם Sep 1) וועט מען אי"ה אנהייבן צוריק אהיים צו גיין 4:00.**

**זונטאג און פרייטאג בלייבט אזוי ווי געווענטליך**

חשובע עלטערן שיחיו

מיר בעטן אייך

**נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי"ן פאר אייער אינגעלע איעדן איינציגן טאג**

ביטע נעמט אין אכט אז עס גייען אהיים היינט צו טאג פון קינדערגארטן קנאפע

**אכט הונדערט קינדערלעך קיע"ה**

נ.ב. אויב האט אייער קינד פארלוירן זיין פי"ן, ביטע שיקן דריי דולער, וועט ער באקומען א נייע פי"ן

# זיסע חכמה'לעך

✪

**יצחק** איז לעצטע וואך אוועק געפארן מיט זיין משפחה אויף א שיינע פלאץ. ביי די פארק איז ער געפארן אויף די רייד צוזאמען מיט זיין טאטע אין א קארעלע, זיין פיס איז געווען אביסל צודריקט צו די וואנט, האט ער געשריגן **"טאטי, דו ביסט בלעם, און איך בין די אייזל"...**

✪

**טובי'לע** איז אריין צום רבי'ן שליט"א פאר א ברכה פאר זיין אפשערן. דער רבי האט האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפן קאפ און אים געבענטשט. ארויס קומענדיג פרעגט טובי' **"די רבי שליט"א האט געוואלט זעהן אויב איך האב פיבער?"....**

✪

**חיים מענדל באסול** זאגט **"איך ווייס שוין וויאזוי מ'טובלט, מ'נעמט א לעפל, מ'לייגט עס אריין אין וואסער, מבאגראבט עס, נאכדעם גייט מען צו די וואנט"...**

✪

**יחיאל מיכל בידערמאן** (א פרי נורסערי אינגל) האט געהערט מ'רעדט וועגן פאסטן תשעה באב. האט ער געזאגט **"איך גיי אויך פייפן תשעה באב"...**

✪

**משה יצחק** האט פארציילט אז **"בלעם איז געפלויגן אין די לופטן, און ווען ער האט געזעהן א פיקטשער** (די סדרה ביכל) **איז ער אראפ געפאלן פון די דאך"....**

✪

**יחזקא'לע ברודי** בעט זיין מאמע זי זאל אים אנגיסן מיט אויל **"ווייל אזוי וועט ער ווערן א קעניג"...**

✪

ער דערציילט אז פנחס האט געהארגעט אלע מתיונים"...